# שלום-עליכם

## אַלעמען גלײַך

### (מײַן אוטאָפּיע)

### א

אַז גאָט האָט אַרויסגעטריבן אדם מיט חוהן פֿון גן-עדן און זיי האָבן זיך אָנגעהויבן פּרוכפּערן און מערן און אָנפּילן די ערד, איז זייערע קינדער און קינדס-קינדער געוואָרן ענג די וועלט און האָבן זיך נישט געקאָנט אײַנטיילן מיטן גוטס, וואָס איז זיי געבליבן בירושה פֿון זייערע עלטער-עלטער זיידעס, האָבן זיי זיך צעקראָכן איבער דער גאַנצער ערד, זיך אָפּגעשיידט איינער פֿון דעם אַנדערן, פֿאַרפֿרעמט געוואָרן, אויסגעטראַכט זיך איטלעכער זײַן לשון, פֿאַרהייליקט איטלעכער יִין גלויבן, פֿאַרגעסן, אַז זיי קומען אַלע פֿון איין ייִחוס, און אָנגעהויבן האַלטן מלחמה איינס מיטן אַנדערן, צונעמען איינס בײַ דאָס אַנדערע דאָס פֿאַרמעגן -- און ס׳איז געוואָרן אַ מישמאַש פֿון פֿאַרשיידענע מענטשן, מיט פֿאַרשיידענע לשונות, מיט פֿאַרשיידענע מנהגים, מיט פֿאַרשיידענע קלאַסן, שטאַרקע און שוואַכע, אָרעמע און רײַכע, האַרן און קנעכט, משרתים און בעלי-בתּים, פֿאַבריקאַנטן און אַרבעטער -- און אַזוי האָט זיך עס געצויגן אַ צײַט מיט יאָרן און מענטשן האָבן געמיינט, אַז אַזוי באַדאַרף עס זײַן.

נאָר וואָס ווײַטער איז די וועלט געוואָרן קליגער און מענטשן האָבן אָנגעהויבן מומלען אויף דעם סדר-העולם, אָנגעהויבן שרײַען: פֿאַר וואָס קומט איינעם גאָר, דעם אַנדערן גאָרניט? דער געשריי איז געוואָרן וואָס ווײַטער גרעסער און שטאַרקער און ס׳איז דערפֿון אַרויס נאָך גרעסערע מחלוקתן און געשלעג. און ערשט נאָך דעם, אַז מענטשן האָבן זיך גוט אָנגעמאָרדעוועט, גענוג אָנגערעדט, אָנגעשריִען, אויסגעגאָסן פֿעסער מיט טינט, פֿאַרגאָסן טײַכן מיט טרערן און ימים בלוט, האָט מען אַרויסגעזען באַשײַמפּערלעך, אַז ווײַטער קען עס אַזוי ניט זײַן. מען וועט זיך אַזוי לאַנג הרגענען, שלאָגן און עסן איינס דאָס אַנדערע ביז עס וועט נישט בלײַבן קיין

אײנציקער מענטש אויף דער ערד און עס װעט חלילה אונטערגײן, חרובֿ װערן די גאַנצע װעלט.

על כּן איז געבליבן, מען זאָל אַװעקשרײַבן אַ פּאַפּיר, אַ געבעט-בריװ צום רבונו-של-עולם, ער זאָל זיך אַרײַנלײגן צװישן די מענטשן און מאַכן אַ שלום אויף דער װעלט.

װוּ זשע געפֿינט מען אַזאַ מענטשן, װאָס זאָל זײַן אַ חשובֿ בײַ גאָט און זאָל קענען אַװעקשרײַבן צום רבונו-של- עולם אַ פּאַפּיר? געװײנטלעך בײַ אונדז, בײַ די רויטע ייִדעלעך; װאָרעם װוּ איז דאָ נאָך אַזאַ פֿאָלק, װאָס קען זאָגן אתּה-בחרתּנו מכּל העמים, דו האָסט אונדז אויסדערװײלט פֿון אַלע פֿעלקער, װי מיר רויטע ייִדעלעך, װאָס אויף דער זײַט סמבתּיָון... און עס האָט זיך געפֿונען בײַ אונדז אײנער אַ מענטש מיט אַ פּען, אַ כּתבֿא רבה, װאָס האָט זיך אונטערגענומען דאָס אַלצדינג פֿאָרלײגן פֿאַר גאָט, אויפֿשרײַבן דאָס אַלצדינג אויף פּאַפּיר, געװײנטלעך אויף לשון קדוש, נאָר אַזױ עס זאָל זײַן אײן מאָל אַ פּאַפּיר!

אָנגעהויבן האָט זיך דאָס פּאַפּיר געװײנטלעך מיט אַ שבֿח והודיה, מיט אַ לויבעניש אין טאָג אַרײַן: „דו ביסט אַ גרויסער גאָט, אַ שטאַרקער גאָט, אַ מוראדיקער גאָט,“ װי געװײנטלעך אַלע תּפֿילות הײבן זיך אָן ...

נאָך דעם איז געגאַנגען בײַ אים אַ באַשרײַבונג פֿון דער װעלט, װאָס פֿאַר אַ טײַערע װעלט, װאָס פֿאַר אַ שײנע, װאָס פֿאַר אַ ליכטיקע, װאָס פֿאַר אַ קלוגע װעלט דאָס איז!...

שײן, גרויסאַרטיק שײן האָט ער באַשריבן די װעלט, און נאָך דעם האָט ער זיך גענומען צום סאַמע רעכטן ענין פֿונעם פּאַפּיר, פֿונעם געבעט-בריװ.

און דער רעכטער ענין איז געװען דאָס, װאָס מענטשן זענען שױן אַלע ברוך-השם גענוג קלוג און געבילדעט און װאָלטן זיך געקאָנט אָפּלעבן גליקלעך מיט זײער זיבעציק יאָר אויף דער ערד.

איז אָבער דער חסרון, װאָס ניט אַלע זענען באַטײלט, נישט מיט ערד, נישט מיט ברויט, נישט מיט געלט.

איינער האָט גאָר, דער אַנדערער -- גאָרניט.

איינער פֿאַרמאָגט בערג מיט געלט, מיליאַרדן, דער אַנדערער גייט אויס נאָך אַ פּרוטה, פֿאַרשטעלט זיך פֿאַר אַ בעטלער, ציט אויס די האַנט און וואַרט ביז עמעצער וועט זיך דערמאָנען אים אַרײַנוואַרפֿן אַן אַלטן אָפּגעריבענעם גראָשן.

איינער פֿליט אויף גומעלאַסטיקענע רעדלעך, באַצאָלט פֿאַר אַן אָנבײַסן ערגעץ מיט אַ יפֿהפֿיה אַ שאַנסאָנעטקע אַזוי פֿיל, וויפֿל דער אַנדערער ווינטשט זיך עס פֿאַרמאָגן זײַן אייגנס, כאָטש האַלב, כאָטש אַ צענט חלק!...

איינער גייט אַרום פּוסט-און-פּאַס און ווערט שיער ניט משוגע, ברענט געלט אויף דעם ליכט, און דער אַנדערער אַרבעט בײַ 40 גראַד היץ, גייט אָפּ מיט שווייס, לייגט אַוועק דאָס גאַנצע געזונט ביז ער פֿאַרדינט קוים אויף אַ בולקע.

און בכדי צו נעמען דעם רבונו-של-עולם מיט סטאַטיסטיקע, מיט חשבונות, כאַפּט ער אָן איינעם פֿון די גרעסטע קאַפּיטאַליסטן, עפּעס אַ געוויסן ראָקפֿעלער פֿון אַמעריקע, וואָס פֿאַרמאָגט נישט מער ווי פֿיר מיליאַרד קאַפּיטאַל און פֿאַרדינט נישט מער ווי צוויי הונדערט מיליאָן אַ יאָר, דאָס מאַכט אויס אַזוי גרויס ווי זיבן הונדערט טויזנט רובל אַ טאָג, און זײַן אַרבעטער, וואָס האָרעוועט מיטן בלוטיקן שווייס אויף אים זעכצן שעה אין מעת-לעת פֿאַר אָנדערהאַלבן קאַרבן, דאַרף אויסהאַלטן דערמיט אַ ווײַב מיט זעקס הונגעריקע, נאַקעטע און באָרוועסע קינדער מיט אַ קראַנקע מוטער ערגעץ אין פֿינסטערן, קאַלטן קעלער.

ווען דער דאָזיקער נאַרישער ראָקפֿעלער -- זאָגט דער שרײַבער פֿונעם פּאַפּיר -- ווען דער דאָזיקער ראָקפֿעלער כאַפּט זיך אויף אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן און וויל זיך קויפֿן עולם-הבא און רופֿט צונויף אַ מיליאָן אָרעמע אַרבעטער און זאָגט זיי: ״נאַט אײַך, ברידער, לאָמיר זיך צעטיילן אַלע גלײַך!״ באַקומט דאָך יעדער אָרעמאַן אויף זײַן חלק נישט מער און נישט ווינציקער ווי פֿיר טויזנט קאַרבן!

ווי, ווי, וויפֿל ראָקפֿעלערס, וויפֿל וואַנדערבילדס, וויפֿל ראָטשילדס עס זענען פֿאַראַן אויף דער וועלט -- לאָזט אויס דער שרײַבער -- און קיינעם איז נאָך ביז אַהער ניט אײַנגעפֿאַלן אַזאַ געדאַנק! אדרבה, טאָמער דערהערן זיי, אַז אָרעמע-לײַט קרעכצן, אָרעמע-לײַט מומלען אויף זיי, אָרעמע-לײַט ציילן זייער פֿאַרמעגן, ווערן זיי אָנגעצונדן און צעבייזערן זיך: "אַקיש! ניט אײַער עסק! איר דאַרפֿט אַרבעטן און זאָגן אַ דאַנק וואָס מען גיט אײַך אַרבעט!..."

און אַז סע מאַכט זיך בײַ דעם ראָקפֿעלער, בײַ דעם וואַנדערבילד, בײַ דעם ראָטשילד אַ שׂמחה, אַ יומא-דפּגרא, וואַרפֿט ער אַרויס אַ ביינדל פֿאַר די מיליאָנען אָרעמע-לײַט און שרײַט אויף קולי-קולות און בלאָזט אין אַלע שופֿרות: "איר זעט? דאָס האָב איך געשענקט צום טאָג פֿון מײַן געבאָרן..."

דאָס קען פֿאַרדריסן און דערפֿון נעמען זיך אַלע מחלוקתן מיט אַלע הריגות צווישן מענטשן...

בכן איז וואָס?

בכן בעטן מיר דיך, אַלמעכטיקער גאָט, דער האַר פֿון אַלע הערשאַפֿטן, " אינעם נאָמען פֿון אַלע הונדערטער מיליאָנען אָרעמע, פֿינצטערע, דערשלאָגענע, אויסגעהאָרעוועטע, קראַנקע אַרבעטער, דו זאָלסט זיך אַרײַנלייגן אין אַ שלום, זאָלסט זיך מטריח זײַן אַליין כּבֿיכול מיט דײַן כּבֿוד מאַכן אַ ריכטיקן חשבון, אײַנקאַסירן דאָס גאַנצע געלט פֿון דער וועלט און מאַכן אַ חלוקה צווישן אַלע מענטשן גלײַך, וועט אויפֿהערן זייער קנאה, שׂנאה, מחלוקתן, זידלערײַען מיט בלוט פֿאַרגיסן. און עס וועט ווערן שטיל און רויִק אויף דײַן וועלטל, ווי אין פּסוק שטייט געשריבן ..."

געוויינטלעך האָט דער שרײַבער ניט געזשאַלעוועט קיין פּסוקים פֿון די הייליקע ספֿרים פֿון אַ מאָל און אויך פֿון די ביכער פֿון די שפּעטערדיקע דורות מיט אַלע חכמים און גרויסע לײַט פֿון אַצינד, און דאָס פּאַפּיר האָט אָנגעהויבן גיין מיד ליד, און אַלע )אחוץ די נגידים, געוויינטלעך( האָבן דאָס פּאַפּיר אָפּגעחתמעט און מען האָט דאָס פּאַפּיר אַוועקגעשיקט גלײַך אַהין אַרויף צום בית-דין-של-מעלה.

און גאָט האָט צוגעהערט צו אונדזער געבעט און עס האָט זיך געלאָזט הערן, אַז מען האָט אַראָפּגעשיקט פֿון אויבן מאָדנע נפֿשות, אַזעלכע וואָס מען האָט זיי ביז אַהער ניט געזען, עפּעס האַלב מענטשן, האַלב מלאכים. דאָס הייסט, עסן עסן זיי ווי מענטשן, נאָר דאָס אַרויסזען מיטן רעדן מיטן באַנעמען זיך איז פֿון מלאכים. ווּהין זיי קומען אַרײַן ווערט ליכטיק אין אַלע ווינקלעך, שלום-ושלווה צווישן מענטשן. אויס קריג, אויס שׂנאה, און וואָס זיי זאָגן פֿאָלגט מען זיי, און וואָס זיי הייסן ווערט געטאָן. און הייסן הייסן זיי, מען זאָל צונויפֿטראָגן דאָס גאַנצע געלט פֿון דער וועלט אויף איין אָרט, גאָלד באַזונדער און זילבער באַזונדער און מינץ באַזונדער, קיינער זאָל ניט לאָזן בײַ זיך קיין פּרוטה של נחושת. און מערקווירדיק! קיינער האָט ניט געזאָגט קיין וואָרט, ניט איבערגעקערט די צונג, און מען האָט גענומען צונויפֿטראָגן דאָס פֿאַרמעגן, גאָלד און זילבער און קופּער, פּערל און דימענטן און בריליאַנטן, און שאַ, שטיל, אָן טומל, אָן ווערטער. דרײַ טעג מיט דרײַ נעכט האָט געדויערט דאָס אײַנקאַסירן פֿונעם געלט. מען האָט אָנגעשאָטן אַזעלכע קופּעס מיט גאָלד, אַז ס'איז געווען אַ מורא צו קוקן. און מערקווירדיק! דאָס גאָלד איז געלעגן פֿראַנק און פֿרײַ, נישט איין שומר, נישט איין בלויזע שווערד. שטיל און רויִק האָט מען געטראָגן דאָס גוטס -- גאָלד באַזונדער, זילבער באַזונדער, און מינץ באַזונדער -- און אויפֿן פֿערטן טאָג אין דער פֿרי האָט זיך אָנגעכמאַרעט דער הימל, באַדעקט מיט שווערע שוואַרצע וואָלקנס, און אַ פּחד איז געפֿאַלן אויף אַלע מענטשן. אַ סך זענען צוגעפֿאַלן מיטן פּנים צו דער ערד, זיך געשלאָגן "אשמנו"... און אַ סך זענען געשטאַנען און געקוקט: וואָס וועט דאָ זײַן? און פּלוצלינג האָט אויסגעבראָכן אַ שרעקלעכער דונער און אַ מוראדיקער בליץ האָט באַלײַכט דעם הימל פֿון איין עק ביזן אַנדערן עק, און מיר האָבן אַלע דערזען אַ מוראדיקע טאַבעלע פֿון פֿײַערדיקע ציפֿער אויפֿן הימל:

15,000,000,000,000 : 1,500,000,000 = 10,000

און מיר האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דער אמתער חשבון, אַז דאָס איז די אמתע חלוקה, אַז דאָס מאַכט צען טויזנט דאָלאַר אויף אַ מענטשן. און עס האָט באַלד אַ בלאָז געטאָן אַן אַנדער ווינטל און האָט געטריבן די כמאַרעס, און דער הימל האָט זיך אָפּגערייניקט און איז געוואָרן לויטער ווי קרישטאָל, און די זון האָט אַראָפּגעקוקט און געשײַנט ווי גינגאָלד, און די

לופּט איז געוואָרן פֿריש, און די ערד איז געוואָרן יום-טובֿדיק, און די מענטשן זענען געוואָרן אַלע פֿריילעך און מונטער, די פּנימער האָבן געשײַנט, אָרעמע-לײַט האָבן זיך אַרומגענומען און געקושט, און איטלעכער איז זיך צוגעגאַנגען איינציקווײַז צום גאָלד, זיך אָפּגעציילט פּונקט זײַן חלק נאָכן צאָל פֿון זײַן הויסגעזינד: אַ געזינדל פֿון פֿיר פּאַרשוין האָט גענומען פֿערציק טויזנט קאַרבן, אַ געזינדל פֿון אַכט פּאַרשוין האָט גענומען אַכציק טויזנט קאַרבן, איין מענטש אַליין האָט גענומען נאָר צען טויזנט קאַרבן. און מערקווירדיק! קיינער האָט נישט גענומען נישט מער נישט ווינציקער, און ביז אויף דער נאַכט האָט דער עולם צוגענומען דאָס גאַנצע געלט און מען איז זיך בשלום ובשלווה צעגאַנגען אַהיים לעבעדיק, פֿריילעך, געזונגען לידער און געלויבט גאָט פֿאַר זײַן ערלעכקייט און גערעכטיקייט, פֿאַר זײַן גרויס גנאָד און באַרמהאַרציקייט, וואָס ער האָט זיך סוף-כּל-סוף אַרומגעקוקט אויף די זינדיקע מענטשן און אויסגעלייזט די וועלט פֿון גרויסע אומגליקן, וואָס האָבן געקאָנט זײַן, נישט דערלאָזט, אַז די ערד זאָל חלילה חרובֿ ווערן איבער אַזאַ נאַרישקייט ווי געלט ... אַ גאַנצע נאַכט האָט מען געהוליעט, קלעזמער האָבן געשפּילט אין אַלע הײַזער, פֿלאַקערס האָבן געברענט אין אַלע גאַסן. ס׳איז געווען אַ ששׂון- ושׂמחה, אור-ליהודים...

ג

אויף מאָרגן אין דער פֿרי -- איך בין נאָך געלעגן אין בעט -- הער איך מײַן ווײַבס קול׃ voic kol

-- ווו ביסטו ערגעץ, מויד? טראָג אַרײַן וואַסער, הייץ אין אויוון, מויד!

נאָר מויד הײַנט מויד מאָרגן, נישטאָ קיין מויד! ווו איז אַהינגעקומען די מויד? זי איז אַוועקגעגאַנגען נעכטן אויף דער נאַכט -- איז זי שוין מער צוריק נישט געקומען.

-- אַ פּאָטעפּאַלנאָסט פֿון אַ מויד! -- זאָגט מײַן ווײַב און פֿײַערט מיט סכּנות-נפֿשות -- אָט ווערסטו זען, אַז איך שאַף זי אָפּ! ... און אַזוי ווי זי רעדט, קומט אָן די מויד אָנגעטאָן שבתדיק, מיט אַ היטעלע און מיט אַ זאָנטיקל און קנאַקט ניסלעך.

אַ גוט יום-טובֿ דיר -- זאָגט צו איר מײַן װײַב -- װאָס ביסטו עפּעס אַזױ אױסגעסטראָצלט, נשמה מײַנע?

איך בין געקומען אײַך זאָגן - מאַכט צו איר די מויד -- גאַנץ - -
אויפֿגעלייגט ווי אַ כּלה -- איר זאָלט זיך זוכן אַן אַנדער מענטשן.

אַזוי, וואָס איז די מעשׂה? - -

די מעשׂה ... מיר זענען שוין איצטער ברוך-השם בעלי-בתּים גלײַך מיט - -
אַלעמען. מיר זענען קיין עיִן הרע נײַן פּאַרשוין, האָט זיך אָנגענומען אויף
אונדזער חלק נײַנציק טויזנט דאָלאַר.

זיי זענען רײַכער פֿון אונדז -- זאָג איך צו מײַן ווײַב שטילערהייט און - -
מיר שטייען און קוקן איינס אויף דאָס אַנדערע אָן ווערטער.

איך האָב מורא, מײַן ווײַב, אַז הײַנטיקס מאָל וועסטו מוזן - -
פֿאַרקאַטשן, מחילה, די אַרבל און זיך מטריח זײַן אַליין אײַנהייצן אין
אויוון.

אַ שיינע גדולה! אַלע בייזע וויסטע חלומות...

אַז מײַן ווײַב הייבט אָן בטלען חלומות גיי איך דעמאָלט אַוועק פֿון . . .
דער היים. אַזוי בין איך מיך נוהג פֿון תּמיד אָן, און אַזוי האָב איך געטאָן
אויך איצט.

אַרויסגעקומען אויף דער גאַס -- ס'איז שטיל, יום-טובֿדיק! אין מאַרק די
קלייטן זענען אַלע צו, מען זעט נישט אַ נפֿש. ״דער עולם שלאָפֿט נאָך --
טראַכט איך מיר -- רוט זיך אויס נאָכן נעכטיקן טאָג.״ איך הייב אויף די
אויגן -- נחמיה דער הינקעדיקער פּאַפּיראָסניק לויפֿט הענדום-פּענדום,
שפּרינגט אונטער אויף איין פֿיסל, און איך דערמאָן זיך, אַז ס'איז מיר
אויסגעגאַנגען פּאַפּיראָסן.

וווּהין איז, נחמיה? שטיי אַ ווײַלע!

-- איך האָב קיין צײַט ניט! -- מאַכט ער -- איך לויף אַהיים.

-- איין רגע! -- זאָג איך -- איך וויל באַשטעלן בײַ דיר אַ טויזנט פּאַפּיראָסן!

-- וואָסערע פּאַפּיראָסן? -- מאַכט ער מיר - וואָסערע לאָקשן? מײַן טאַטע האָט אַוועקגעטראָגן נאָר וואָס אין באַנק אַרײַן אַ פּוטיקע, זאָגט איר מיר גאָר פּאַפּיראָסן.

" אַ שגץ קאָן! -- טראַכט איך מיר -- ״קיין מאָל האָט מיט מיר נחמיה אַזוי ניט גערעדט.״

-- איך באַדאַרף אָבער -- זאָג איך -- פּאַפּיראָסן! כאָטש אַ מאה פּאַפּיראָסן!

-- מילא וואָס איר באַדאַרפֿט - מאַכט ער צו מיר און אַנטלויפֿט מיטן קרומען פֿיסל און מיך לאָזט ער שטיין ווי אַ נאַר אין מיטן מאַרק.

" הײַנטיקס מאָל וועל איך מוזן קויפֿן פֿאַרטיקע פּאַפּיראָסן״ -- טראַכט איך מיר און לאָז מיך גיין ווײַטער און דערזע כלאַוונע דעם שוסטער שטיין בײַ דער טיר פֿון זײַן שטיבל און עס וואַלגערן זיך די בעבעכעס.

כלאַוונע דער שוסטער איז אַ ייִד מיט אַן אויסגעפֿליקט בערדל, מיט אַ צונויפֿגעצויגענער נאָז, וואָס פֿײַפֿט, און מיט שוואַרצע גראָבע פֿינגער.

-- ווּהין איז, רב כלאַוונע?

-- איך קלײב מיך אַריבער אין אַן אַנדער דירה -- זאָגט ער צו מיר און די נאָז פֿײַפֿט -- גענוג שוין צו זיצן דאָ אין עיפּוש. לאָזן שוין אַנדערע אַ ביסל פֿאַרזוכן די וואַנצן, איך קאָן מיך שוין הײַנט, מיט גאָט'ס הילף, פֿאַרגינען אַ שענערע דירה.

-- גוט וואָס איך האָב אײַך דערזען, רב כלאַוונע, איך דאַרף טאַקע האָבן אַ פּאָר נײַע שטיוול. איר וועט זיך טאַקע מטריח זײַן אָט באַלד אַראָפּנעמען אַ מאָס אויף אַ פּאָר שטיוול.

-- שטיוול? -- מאַכט צו מיר כלאַוונע מיט אַ פֿײַף -- לאָזן אײַך שוין אַנדערע נייען שטיוול. מיט זעכציק טויזנט קאַרבן קיין עיִן הרע וועל איך מיר געפֿינען אַן אַנדער פּרנסה מן הסתּם. ווי מיינט איר? האַ?

דער געדאַנק, אַז כלאַוונע דער שוסטער איז אַ ייִד פֿון זעכציק טויזנט קאַרבן, געפֿעלט מיר זייער, אַז איך צעלאַך מיך און טראַכט מיר, אַז איך וועל שוין מוזן קויפֿן זיך גרייטע שטיוול אין קלייט, און איך לאָז מיך גיין ווײַטער און באַגעגן אַליק דעם שנײַדער מיט אַ שבתדיקער קאַפּאָטע און מיט אַ שפּאָגל נײַעם קאַשקעט אויפֿן קאָפּ, אויסגעצויגן ווי אַ סטרונע, און די קאַסאָקע אויגן זײַנע קוקן אויף מיר און שמייכלען.

-- גוט -- זאָג איך -- וואָס איך האָב דיך דערזען, אַליק!

-- וואָס איז אַזוי דער גוטסקייט? -- מאַכט ער צו מיר מיט אַ שמייכל פֿון אַן עזות-פּנים.

איך האָב דיר געוואָלט בעטן, זאָלסט מוחל זײַן אַרײַנקומען הײַנט צו מיר נאָכן עסן.

-- וואָס וועל איך בײַ אײַך טאָן נאָכן עסן, אַ שטייגער כּדומה-למשל -- מאַכט ער צו מיר אַלץ מיט יענעם עזות-פּנים-שמייכל.

וואָס הייסט -- זאָג איך -- וואָס וועסטו בײַ מיר טאָן? איך וויל מיר באַשטעלן אַ נײַעם גאַרניטער, דאָס הייסט צוויי נײַע גאַרניטערס וויל איך מיר לאָזן מאַכן: איינעם פֿון טריקאָ, אַ ביסל אַ וואַרעמען, און דעם אַנדערן אַ גרינגן, פֿון וועלוועט, אויף די הייסע טעג.

-- נו, וואָס זשע געהער זיך דאָס אָן -- זאָגט ער -- מיט מיר?

נבֿהל-ונשתּומם בין איך געוואָרן פֿון אַזאַ ענטפֿער און האָב קיין וואָרט נישט געקאָנט מער אַרויסלאָזן. ער האָט אַ פּנים פֿאַרשטאַנען, אַז איך בין איבערראַשט. מאַכט ער צו מיר ווי אַ רעכטער עזות-פּנים:

-- וואָס זענט איר אַזוי אין גרימצאָרן? איך בין שוין הײַנט מיט גאָטס הילף אויס שנײַדער, אַ בעל-הבית גלײַך מיט אײַך. איך פֿאַרמאָג הײַנט פֿופֿציק טויזנט קאַרבאָנים, איר פֿאַרשטייט צי ניין? נ׳ א׳ רו״כ.

און ער טוט זיך אַ פּאַטש מיט דער האַנט איבער דער זײַט-קעשענע און אַ קנאַק מיטן פֿינגער.

-- אַ פּאַלגע בלײַבט אַ פּאַלגע -- זאָג איך און לאָז מיך גיין אין מאַרק אַרײַן צווישן די קלייטן. ווער? וואָס? נישטאָ אַ הונט! פֿאַרשלאָגן טיר און טויער. זעלטן-זעלטן זעט מען לויפֿן עמעצן פֿאַרבײַ שטאַרק פֿאַרטראַסקעט. איטלעכער איז פֿאַרטראָגן מיט זיך, האָט נישט אין זינען קיינעם, ענטפֿערט אפֿילו נישט אויף קיין ׳גוט מאָרגן׳. פּלוצלינג טוט מיר עמעצער אַ זעץ אין פּלייצע. איך דריי מיך אויס צוריק -- רב מאיר בעל-מוח!

-- נו? -- מאַכט ער צו מיר וואָס האָט איר געפּועלט?

-- דאַנקען גאָט! -- זאָג איך -- אויס אָרעמע-לײַט, אויס נגידים, הײַנט זענען, ברוך-השם, אַלע גלײַך.

אַ גדולה אויף דער באָבע! -- מאַכט ער צו מיר און קוקט מיר מאָדנע אין די אויגן אַרײַן.

רב מאיר בעל-מוח איז אַ ייִד אַן אַלטער מיט אַ גרויסער גרויער באָרד און מיט אַ הויכן שטערן, און מען האַלט אים בײַ אונדז פֿאַר אַ פּלאַטשיקן, דאָס הייסט, אַ ביסל ניט איבערגעשפּיצט. און דערפֿאַר רופֿן מיר אים בײַ אונדז בלשון סגי-נהור ׳בעל-מוח׳. און דערצו האַלט ער זיך טאַקע אַ גאַנצע חקרן, אַ פֿילאָזאָף. ער איז אַ מענטש אַליין, אַן אַלמן, אָן קינדער, און מען שאַצט אים פֿאַר אַ גרויסן עושר, אַריבער ש׳ אַלפֿים. אַצינד, נאָך דער חלוקה, אַז ס׳האָט זיך אָנגענומען אויף זײַן חילוק סך-הכל צען טויזנט, קומט אויס, אַז

ער האָט קיין גוט געשעפֿט ניט געמאַכט, און דאָס געפֿעלט מיר טאַקע זייער און איך באַגעגן אים מיט אַ שמייכעלע.

אַיאָ -- מאַכט ער צו מיר און ווישט זיך דעם שווייס -- איר קוועלט, איר - - זענט, ברוך-השם, אַצינד אַלע נגידים און ס׳איז אײַך גוט ווי די וועלט? זאָג איך אײַך, הערט איר, אַז איר זענט אַלע אויף צרות!

אויף צרות? -- זאָג איך -- וואָס איז די מעשׂה? - -

די מעשׂה איז, וואָס איר זענט בהמות. איר הייבט ניט אָן צו - - פֿאַרשטיין, וואָס מיט אײַך טוט זיך!

נאָר איר איינער -- זאָג איך -- זענט אַ חכם; ניט אומזיסט רופֿט מען - - אײַך ׳בעל-מוח׳.

איר מעגט מיך -- זאָגט ער -- רופֿן ווי איר ווילט אײַך, נאָר איך זאָג - - אײַך, אַז איר זענט בהמות! פֿערד! קעלבלעך!

דאָס האָט מיר שוין רעכט פֿאַרדראָסן -- אַ ׳בעל-מוח׳ זאָל זיך אַוועקשטעלן זידלען, אָנרופֿן אַ גאַנצע וועלט מיטן נאָמען בהמות און פֿערד און קעלבלעך! און איך צעלאַך מיך גלײַך אים אין פּנים אַרײַן און גיי אַוועק פֿון אים.

פֿריידט זיך, פֿריידט זיך -- שרײַט ער מיר נאָך -- איר וועט חרטה - - האָבן! עס וועט אײַך אויספֿאַלן באָקאָם!

אַלטער נאַר -- טראַכט איך מיר -- איך ווייס וואָס אײַך ברענט! סע " פֿאַרדריסט אײַך, וואָס איך בין הײַנט רײַכער פֿון אײַך! איר זענט נישט איינער, פֿאַראַן אַ סך בײַ אונדז אַזעלכע נגידים ווי איר, וואָס האָבן געמיינט, אַז נאָר זיי קומט, אַז נאָר זיי באַדאַרפֿן האָבן געלט. אַן עק, אויס נגידים, אויס אָרעמע-לײַט, אויס מיוחסים.

איך קער מיך אום און גיי אַהיים.

-- וואָס וועט זייַן דער תּכלית? -- זאָג איך צו מייַן ווייַב נאָך דעם אַז מיר האָבן ביידע נאָך אַ מאָל איבערגעציילט אונדזער מאַיאָנטעק זיבעציק טויזנט קאַרבן, ווייַל מיר זענען קיין עיִן הרע זיבן, און גוט באַהאַלטן אין קאַסטן -- הייס כאָטש שטעלן דעם סאַמאָוואַר, וועלן מיר טרינקען טיי, עס חלשט מיר דאָס האַרץ.

-- -- נאַפּשיקלאַד וועמען זאָל איך הייסן? -- מאַכט צו מיר מייַן ווייַב -- דעם שמש פֿון דער שול? דו האָסט שוין פֿאַרגעסן אַ פּנים אַז די מויד האָט אונדז אַוועקגעוואָרפֿן און וויל שוין מער נישט דינען, און די קעכין אויך?

-- -- די קעכין אויך?

-- -- וואָס דען? אַלע האָבן דאָך גענומען פֿון דער חלוקה! אַלע זענען גלייַך מיוחתים!

-- -- ווייסטו וואָס? -- זאָג איך -- גיס דו אָן דעם סאַמאָוואַר און איך וועל אים צעבלאָזן.

-- -- נאַפּשיקלאַד מיט וואָס זאָל איך אים -- זאָגט זי - אָנגיסן? מיט אחרונים וואַסער, צי מיטן פֿאַריאָריקן שניי? אַז פֿון נעכטן אָן קוק איך נישט אָן דעם וואַסער-פֿירער אין די אויגן!

און אַזוי ווי מיר רעדן דערזע איך דורכן פֿענצטער נחמן בער דעם וואַסער-פֿירער פֿאָרן מיט אַ פֿאַס פֿונעם טייַך ; לויף איך אַרויס צו אים מקבל-פּנים זייַן און וויל אים אָפּשטעלן.

-- -- רב נחמן בער! רב נחמן בער! זייַט זשע מוחל, שטעלט זיך אָפּ אַ ווייַלע, גיט אונדז אַ פּאָר עמער וואַסער!

-- וואַסער? אין טײַך איז פֿאַראַן גענוג! -- מאַכט ער צו מיר און קוקט אפֿילו נישט צו מיר אין ווינקל אַרײַן.

-- וואָס מאַכט איר חוזק, רב נחמן בער? מען דאַרף שטעלן דעם סאַמאָוואַר, נישטאָ אַ טראָפּן וואַסער.

-- אַזוי? אָט צעקראַץ איך מיר די פּיאַטעס! -- מאַכט ער צו מיר גאַנץ ברייטלעך און מיט אַ געלעכטער -- אַז מען וויל וואַסער נעמט מען אַן עמער אַזוי ווי איך (דעם 'איד' ציט ער אויס אויף אַן אַרשין) און מען איז זיך מטריח צום טײַך אַזוי ווי איך, און מען פֿאַרקאַטשעט די פּאָלעס אַזוי ווי איך!...

איך קען נחמן בער דעם וואַסער-פֿירער שוין עטלעכע און צוואַנציק יאָר, האָב איך אים נאָך קיין מאָל ניט געהערט רעדן מיט אַזאַ טאָן און מיט אַזאַ ברייטקייט און מיט אַזאַ ניגון ווי איצט.

-- הערסטו? -- זאָג איך צו מײַן ווײַב -- ס'איז אַ מיאוסער עסק! מען באַדאַרף כאָטש גיין קריגן אַ בולקע. איך וועל אַ שפּרונג טאָן צום בעקער און דו זײַ זיך מטריח אין מאַרק אַרײַן נאָך פֿלייש.

געקומען צו שמוליק דעם בעקער, ער זיצט ניט ווײַט פֿון אונדז, און איך טרעף אים בײַם טיש מיט זײַן גאַנץ געזינדל. מען זיצט, מען טרינקט טיי און מען שוויצט.

-- אַ גוט מאָרגן, רב שמואל! -- זאָג איך צו אים.

-- אַ גוט מאָרגן, אַ גוט יאָר. וואָס וועט איר עפּעס זאָגן גוטס? -- מאַכט ער צו מיר עפּעס זייער אויפֿגעלייגט און בעט מיר אפֿילו ניט זיצן.

-- איך האָב אײַך געוואָלט בעטן -- זאָג איך -- אַ פּאָר בולקעס, אָדער קוילעטשלעך געפֿלאָכטענע.

-- האָט קיין פֿאַראיבל ניט -- מאַכט ער צו מיר און ווישט זיך דעם שווייס מיט אַ יום-טובֿדיקער פֿאַטשיילע. -- בולקעס האָב איך פֿון מײַנט וועגן.

-- וואָס הייסט פֿון אײַערט וועגן?

-- אָט דאָס הייסט -- זאָגט ער -- אירווילט בולקעס? באַקט.

-- איך וועל אײַך גוט באַצאָלן -- פּרוּוו איך מיך אונטערקויפֿן מיט געלט.

-- טאַקע -- מאַכט ער צו מיר מיט אַ שמייכעלע -- איר וועט מיר גוט באַצאָלן? אפֿשר וועל איך אײַך גוט באַצאָלן און באַקט איר מיר בולקעס?

-- ברוגז -- זאָג איך -- באַדאַרף מען דאָ ניט זײַן. דערווײַל זענט איר דאָך אַ בעקער, און ביי אַ בעקער קויפֿט מען בולקעס ...

-- ס'איז אַלץ געווען אַ מאָל! מאַכט ער צו מיר מיט אַ שמייכעלע פֿון אַ שטאָט-בעל-הבית שבת נאָכן עסן און גלעט זיך די באָרד -- אַ מאָל בין איך געווען אַ בעקער און הײַנט בין איך אויס בעקער, אַדיע! לאָזט דאָרטן גריסן אײַער ווײַב.

איך זאָל ניט מורא האָבן פֿאַר קיין פעטש, וואָלט איך זיך אָפּגערעכנט מיטן דאָזיקן בעקער, דעם גראָבן יונגאַטש, ער זאָל מיר האָבן צו געדענקן! נאָר ווי פּאַסט דאָס פֿאַר מיר, אַ נגיד פֿון זיבעציק טויזנט קאַרבן און אַ טאַטנס קינד דערצו זאָל זיך אַוועקשטעלן אויסטײַנען מיט אַ בעל-מלאכה אַ בעקער? און איך טו אַ קלאַפּ מיט דער טיר און גיי אַהיים.

אין דער היים טרעף איך מײַנע צוויי קלענערע קינדער, נאָר וואָס געקומען פֿונעם חדר מיט אַ גדולה: דער רבי האָט זיי צעלאָזט פֿרײַ, אָנגעזאָגט זיי זאָלן שוין מער צו אים אין חדר אַרײַן נישט קומען.

-- וואָס איז שוין? -- זאָג איך -- איר האָט שוין עפּעס פֿאַרשטיפֿט אַ מעשׂה? זײַט זיך מודה, וואָרעם אָט גיב איך אײַך פּעטש ווי האָלץ!

-- מיר האָבן ניט פֿאַרשטיפּט -- זאָגן זיי -- קיין שום מעשׂה. דער רבי האָט אונדז נאָר געזאָגט, אַז מיר זענען שוין ניט מער זײַנע תּלמידים און ער איז ניט אונדזער רבי. אויב מיר ווילן, זאָגט ער, לערנען, זאָל דער טאַטע אַליין זיך מטריח זײַן מיט אונדז קנעלן ... און דאָס שׂכר-לימוד, וואָס אים קומט, זאָל מען דאָס אַוועקשענקען אויף אָרעמע-לײַט ...

דאָס האָט מיר שוין אַזוי פֿאַרדראָסן, אַז איך האָב געכאַפּט דאָס שטעקל און בין אַרויסגעלאָפֿן אין דרויסן און האָב מיך געלאָזט גיין אין שטאָט אַרײַן זען, וואָס טוט זיך אויף דער וועלט, ווי אַזוי איז בײַ לײַטן. און אַזוי ווי איך גיי באַגעגן איך ווידער אַ מאָל מאיר בעל-מוח מיט אַ באַרעמעק האָלץ אויף די פּלייצעס.

-- וואָס איז דאָס? -- זאָג איך צו אים -- אַליין?

-- אַליין, וואָס דען? -- מאַכט ער -- איך האָב דאָס קוים געקראָגן, אויסגעוויינט, אַצינד באַדאַרף מען נאָך גיין קריגן מעל און זיך באַקן ברויט. גוט דערלעבט. האַ? וואַרט צו אַ ביסל, דאָס איז נאָך גאָרניט; אָט וועט איר זען וואָס וועט נאָך זײַן! בלוט וועט רינען אין די גאַסן! בלוט! בלוט!

"אַ חקרן רעדט גאָר אַנדערע ווערטער, ער זאָגט גאָר נבֿיאות!״ -- אַזוי טראַכט איך מיר און עס קריכט מיר אין קאָפּ אַרײַן אַלערליי אומעטיקע מחשבֿות און פֿאַרשטערן מיר די שׂמחה מיטן פֿאַרגעניגן פֿון די זיבעציק טויזנט קאַרבן, וואָס איך פֿאַרמאָג אַצינד. איך צעטרײַב די מחשבֿות ווי ווײַט מעגלעך, נאָר זיי הערן נישט אויף קריכן אין קאָפּ אַרײַן, ווי זומער-פֿליגן -- און איך לאָז מיך גיין ווײַטער.

## ה

אויף דער גאַס דרייען זיך אַרום אונדזערע רויטע ייִדעלעך, אַלע שבתדיק אָנגעטאָן -- אַלע נײַע אויפֿגעקומענע נגידים, נאָר אַלע אָנגעברוגזטע, בלאָזן זיך ווי חתנס צד. דער עולם עפּעס שושקעט זיך, מען רעדט איינע אויפֿן אַנדער לשון-הרע.

-- געפֿעלט אײַך אַ ביסל אונדזער נײַער נגיד! -- מאַכט אײנער צום אַנדערן און װינקט אָן אַ זײַט.

-- פּסנו! -- מאַכט דער אַנדערער און איז אַזש גרין פֿאַר קנאה.

און בכדי מען זאָל זיך צעשלאָגן אַ ביסל די געדאַנקען, דערצײלט איטלעכער באַזונדער אַן אַנדער אַנעקדאָט, װי אַזױ דער שכן זײַנער איז געקומען אַהײם מיטן גאָלד, געכאַפּט דאָס װײַב און געגאַנגען אַ טענצל, שיער ניט משוגע געװאָרן פֿאַר פֿרײד! דער אַנדערער דערצײלט נאָך אַ שענערן אַנעקדאָט, װי אַזױ זײַנער אַ באַקאַנטער, ער װיל ניט פּורש-בשמו זײַן, איז געזעסן אַ גאַנצע נאַכט ביזן װײַסן טאָג אַרײַן און האָט נישט אױפֿגעהערט צו צײלן נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל דאָס געלט, װאָס ער האָט געבראַכט אַהײם און װי אַזױ ער שטעלט זיך אָפּ איטלעכס מאָל און טוט זיך אַ קניפּ בײַם לײַב און אַ זאָג צום װײַב: שׂרה זיסל! װי מײנסטו, איך שלאָף? ... דער גאַנצער עולם שיסט אױס כּלומרשט אַ געלעכטער, נאָר מען זעט, אַז סע איז פֿאַלש: עס לאַכט זיך עפּעס ניט אַזױ װי עס דאַרף צו זײַן. איטלעכער פֿילט אַז עס גענדזלט אים עפּעס אינעװײניק, נאָר אַרױסזאָגן קאָן ער דאָס ניט.

-- געהערט אַ מעשׂה? -- רופֿט זיך אָן אײנער אַ יונגער-מאַנטשיק מיט אַ זײַדענעם קאַשקעט און קראַצט זיך אונטערן קאָלנער -- שמעון אלי דער שוחט װיל ניט קױלען.

-- װאָס הײסט ער װיל ניט קױלען? -- מאַכט אַ ייִד אַ נגיד מיט אַ בײַכל, װאָס הענגט אים אַראָפּ און ער מוז דאָס האַלטן אונטערגעבונדן מיט אַ גאַרטל -- װאָס הײסט ער װיל ניט קױלען?

-- אָט דאָס הײסט! -- מאַכט דער יונגער-מאַן מיטן קאַשקעט -- ער איז שױן, זאָגט ער, אױס שוחט, ער פֿאַרמאָגט שױן איצט זײַנע דרײַסיק טױזנט קאַרבן און קױלעט נאָר פֿאַר זײַנט װעגן.

-- דו מאַכסט זיך נאַריש! -- זאָגט דער ייִד און ציט אַרױף דאָס בײַכל מיט בײדע הענט.

-- ווי אַ ייִד איך בין! -- מאַכט דער יונגער-מאַן -- מייַן שוויגער האָט געשיקט צו אים דאָס מיידל מיט עופֿות, האָט ער אַרויסגעטריבן דאָס מיידל מיט די עופֿות.

-- דאָס איז נאָך בלאָטע! -- רופֿט זיך אָן אַן אויסגעדאַרט ייִדל, נעבעך אַ קראַנקער -- איך האָב מורא, מיר וועלן אַלע אויסגיין פֿאַר הונגער.

-- פֿאַר הונגער? וואָס איז פֿאַר אַ הונגער אויף אייַך?

-- וואָס הייסט וואָס איז? אַז די קצבֿים ווילן ניט שעכטן, נישט געעפֿנט אפֿילו הייַנט די יאַטקעס.

-- גייט שוין גייט!

-- איך זאָל אַזוי האָבן הצלחה בכל אשר אפֿנה.

-- איר זאָגט קצבֿים? למאי בערע ברענבוך דער בעדער וויל נישט הייצן די באָד?

-- אַ נייַער נגיד אין שטאָט! בערע ברענבוך! כאַ-כאַ!

-- צווישן עולם ווערט כּלומרשט אַ געלעכטער.

-- אַ שיינער געלעכטער! -- רופֿט זיך אָן פֿאַרבייַלויפֿנדיק אַ יונגער-מאַן מיט אַן איבערגעשראָקענעם פּנים -- לאַכט-לאַכט, אויסגעוואַקסן אַ געלעכטער אויפֿן פּופּיק! ... אַ שטאָט סאַמע נגידים!... נישט טאָן פֿון דאַנען אַהין! ... נישט צו קריגן אין ערגעץ אַ פֿור!... בעלי-עגלות ווילן ניט פֿאָרן! ... אָט דאַרף איך פֿאָרן צום באַן ווי אין לעבן אַרייַן, אָפּפֿירן אַ קינד צום דאָקטער ... כ׳האָב מורא איך וועל מוזן גיין צו פֿוס צום באַן.

-- צום באַן? -- טוט זיך איינער אַ זאָג פֿאַרבייַגייענדיק -- איך ווייס גאָר ניט צי עס גייט ערגעץ אַ באַן...

-- אַ משל! אַן עק הייסט דאָס? די וועלט האָט זיך אַוועקגעשטעלט?

-- זאָלט איר טאַקע וויסן!

מיט אַ פּאַראומעטיקט האַרץ לאָז איך מיר גיין ווײַטער און האָרך אַלע מאָל אַלץ ערגערע בשׂורות, מאָדנע דיבורים, פֿאַרשיידענע מימרות, און זע פֿאַר זיך סצענעס, איינע טרויעריק מער פֿון דער אַנדערער. דאָ גייט אַ מוטער, ברעכט די הענט: די זייגערין האָט זי אַוועקגעוואָרפֿן, איבערגעלאָזט איר אַ ברעקעלע קינד אויף די הענט און זי ווייס ניט וואָס מען טוט! ... דאָרט לויפֿט אַ יונגער-מאַן טויט ווי דער טויט: דאָס ווײַב גייט בײַ אים צו קינד, און נישטאָ קיין אַקושערקע, כאָטש לייג זיך און שטאַרב! ... דאָ שטייט אַ ייִד פֿאַרוויינט. ס'איז בײַ אים געשטאָרבן הײַנטיקע נאַכט אַן אַלטער פֿאָטער און מען דאַרף אים באַהאַלטן; איז ניטאָ ווער עס זאָל באַהאַלטן. "וואָס איז? נו און חבֿרה-קדישא? אַז ס'איז נישטאָ קיין שמשים! קיינער וויל זיך ניט רירן פֿונעם אָרט!"... און דאָרט שטייט אַ ייִד פֿאַרזאָרגט: ער מאַכט הײַנט חתונה אַ שוועסטער, דאַרף שטעלן אַ חופּה, איז ניטאָ קיין כּלי-זמר, ניט קיין סאַרווערס, ניט קיין שמש, ניט קיין חזן -- אַ ריינער אומגליק!... און דאָ קלאָגט זיך איינער אויף דער פּאָסט: ער איז געגאַנגען אָפּנעמען זייער אַ נייטיקן בריוו פֿון זײַנעם אַ ברודער, איז נישטאָ קיין לעבעדיקער מענטש אויף דער פּאָסט! דער האַלט אין מיטן בויען זיך אַ דירה, האָבן אים די בעלי-מלאכות אַוועקגעוואָרפֿן אין מיטן דער אַרבעט; און יענער האָט אַ גרויסע פֿאַבריק, האָט ער זי געמוזט צומאַכן! הכּלל מען הערט נאָר צרות און צרות און צרות!

"רב מאיר, כאָטש מען רופֿט אים בײַ אונדז 'בעל-מוח', איז אַ פּנים גאָר נישט אומגערעכט, וואָס ער זאָגט, אַז מיר זענען אַלע אויף צרות" -- אַזוי טראַכט איך מיר און לאָז מיך גיין צו אים אַהיים, הערן וואָס וועט ער עפּעס זאָגן אויף ווײַטער, און אינעווייניק אונטערן לעפֿעלע וויל איך ווי עפּעס זויגט מיך און נאָגט מיך, טאַקע גאָר ווי ווערעם עסן מיך ...

ו

אַרײַנגעקומען צו מאיר בעל-מוח האָב איך אים געטראָפֿן גאַנץ שיין זיצן אויף אַ בענקל מיט אַ שטיוול אויף די קני און מיט אַ נאָדל-פֿאָדעם אין

האַנט. די גרויסע, גרויע באָרד האָט ער צעלאָזט און דער ברייטער שטערן האָט אים געשוויצט.

וואָס טוט איר דאָס, רב מאיר? -- פֿרעג איך אים. - -

וואָס זאָל איך טאָן? -- מאַכט ער מיט אַ זיפֿץ -- איר זעט דאָך וואָס איך - - טו, אַז אָך און ווײ איז מיר! שיין אַזוי? האַ? זיך דערלעבט? נו, וואָס האָט איר געפּועלט מיט אײַער אויפֿטו? מיט אײַער 'חלוקה'? הײַנט איז אײַך בעסער ווי פֿריִער? זאָגט, שעמט זיך ניט! אַיאָ איר שווײַגט?

און ער לייגט אַוועק אויף אַ ווײַלע די אַרבעט און קוקט מיר גלײַך אין פּנים אַרײַן. איך שווײַג, וואָרעם איך האָב נישט וואָס צו זאָגן.

וואָס וועט זײַן פֿון דעם דער תּכלית, וואָלט איך וועלן וויסן? - מאַכט ער - - צו מיר ווײַטער און נעמט זיך צו דער אַרבעט - אַז מען קאָן קיין זאַך נישט קריגן פֿאַר געלט, הײַנט צו וועלכע שוואַרצע יאָר טויג אײַך דאָס געלט? איך האָב מורא מען זאָל ניט אָנהויבן זיך עסן איינס דאָס אַנדערע לעבעדיקערהייט.

וואָס זשע איז די עצה, רב מאיר? אדרבה, איר זענט דאָך עפּעס אַ ייִד - - אַן אויפֿגעקלערטער, ווי זאָגט מען. אַ חקרן און אַ פֿילאָסאָף, גיט אַן עצה!

אַן עצה זאָגט איר? דערצו איז פֿאַראַן נאָר איין עצה. - -

דהינו? - -

דהינו, ס'זאָל זײַן אַזוי ווי ס'איז געווען ביז אַהער. - -

ווידער -- זאָג איך -- קבצנים און ווידער נגידים? איינעם גאָר דעם - - אַנדערן גאָרניט? ס'איז טאַקע אַ יושר?

עס קאָן אָבער אַנדערש ניט זײַן -- מאַכט ער און טוט זיך זײַן אַרבעט -- - - עס מוז אַזוי זײַן! כּל זמן מיר אַרבעטן איבער נויט, ווײַל מיר ווילן עסן ; כּל

זמן מיר האָרעווען צוליב דער קישקע אַליין און מיר האָבן פֿון אונדזער האָרעוואַניע שום הנאה ניט; כּל זמן האָרעוואַניע, אַרבעט קויפֿט זיך און פֿאַרקויפֿט זיך פֿאַר געלט -- מוז דאָס אַזוי זײַן, ווי ס'איז געווען ביז אַהער. אַז דער שוסטער קומט מיר נישט העלפֿן פֿאַרריכטן די שטיוול נאָר דערפֿאַר וואָס ער דאַרף שוין ניט מײַן געצאָלטס; אַז דער בעקער גיט אײַך נישט קיין בולקע נאָר דערפֿאַר וואָס ער דאַרף שוין ניט אײַער גריוונע; אַז דער כּלי-זמר וויל נישט קומען אײַך משׂמח זײַן אויף אײַער חתונה פֿאַר גוט פֿרײַנדשאַפֿט אַליין; אַז דער מלמד וויל נישט לערנען מיט אײַערע קינדער פֿאַר ליבשאַפֿט אַליין; אַז די אַקושערקע וויל ניט קומען העלפֿן אײַער געווינערין און דער רופֿא וויל ניט גיין צו אײַער קראַנקן און דער שמש וויל ניט באַהאַלטן אײַער מת פֿאַר רחמנות אַליין -- הײַנט צו וואָס טויגט איר און צו וועלכע שוואַרצע יאָר לעבט איר אויף דער וועלט? וואָס איז דער חילוק צווישן אײַך און צווישן דער בהמה? אַ בהמה קלערט נאָר וועגן איר טרעלבוך און איר קלערט נאָר וועגן אײַער טרעלבוך; אַ בהמה האָט אין זינען נאָר זיך מיט איר פּאָמויניצע, און איר האָט אין זינען נאָר זיך מיט אײַער פּאָמויניצע. איר האָט געזען, אַז אַ בהמה זאָל העלפֿן דער אַנדער בהמה בשעת יענע דאַרף זיך קעלבן? איר האָט געזען אַ פֿערד זאָל העלפֿן דעם אַנדער פֿערד אויפֿשטיין בשעת יענע פֿערד האָט זיך ספּאָטיקעט און איז געפֿאַלן? איר האָט געזען, אַז אַ בהמה זאָל זיך זאָרגן פֿאַר דער וועלטס קעלבלעך? הײַנט זאָגט מיר, איך בעט אײַך, מײַן ליבער ייִד, וואָס איז מיט אײַך אַזוי דער ייִחוס? און וואָס זענט איר געווען אַזוי ברוגז, אַז איך האָב אײַך אַלעמען אָנגערופֿן מיטן נאָמען 'בהמות, פֿערד און קעלבלעך'?

און דער אַלטער רב מאיר האָט אַוועקגעלייגט דעם שטיוול און די גרויע באָרד האָט זיך בײַ אים צעלאָזט, און די אויגן האָבן אים געברענט און ער האָט אויסגעזען בײַ מיר עפּעס גאָר אַן אַנדער מענטש, גאָר נישט דער פּלאַטשיקער 'בעל-מוח' וואָס ביז אַהער, און איך האָב אים נישט געוואָלט איבערשלאָגן די רייד; מיר האָט זיך געוואָלט ער זאָל נאָך רעדן און רעדן. און ער רוט זיך אָפּ און רעדט ווײַטער:

נו? אַיאָ איר שווײַגט? וואָרעם איר האָט ניט וואָס צו זאָגן. איר האָט -- געמיינט, אַז דערמיט וואָס אַלע רויטע ייִדעלעך וועלן ווערן אויסגעגלײַכט אין זייער פֿאַרמעגן וועט קומען אַ ישועה אויף דער וועלט? איר האָט געלעבט אין טעות: נישט אין דעם, נישט אינעם געלט שטעקט דאָס גאַנצע גליק פֿונעם מענטשן. אונדזער גליק ליגט אָט אָ דאָ (ער ווײַזט מיט דער האַנט אויפֿן

האַרצן. און אָט אָ דאָ! (ער ווײַזט מיט דער האַנט אויפֿן שטערן). ווי זשע איז אָבער דער דין, אַז דאָ (ער ווײַזט מיטן פֿינגער אויפֿן שטערן) איז בײַ אונדז פֿאַראַן ווינציקלעך, און אָט אָ דאָ (ער באַווײַזט מיטן פֿינגער אויפֿן האַרצן) נאָך ווינציקער. וועט אונדז אָט דאָס (ער באַווײַזט מיט דער האַנט אויף דער קעשענע) נישט העלפֿן גאָרנישט. אדרבה, עס וועט אונדז נאָך אַ סך אַ סך קאַליע מאַכן! ס׳איז נאָך, פֿאַרשטייט איר מיך, צו פֿרי, אַז מיר זאָלן פֿאַרשטיין, אַז מיר זענען באַשאַפֿן געוואָרן נישט נאָר צוליב דעם טרעלבוך און נישט צוליב דער פּאָמויניצע אַליין, אַז מיר דאַרפֿן איינער צום אַנדערן נישט צוליב געלט, און העלפֿן איינס דאָס אַנדערע נישט פֿאַר געצאָלטס, נאָר מצד עפּעס אַנדערש, מצד רחמנות. ניין, ס׳איז נאָך ניט געקומען די צײַט! עס דאַרף נאָך לאַנג גערדויערן ביז מיר אַלע זאָלן דאָס פֿאַרשטיין!... און ביז דעמאָלט מוז דאָס זײַן ווי ס׳איז געווען ביז אַהער, אַניט איז שלעכט, ביטער, ביטער ווי דער טויט, עס וועט זיך גיסן בלוט אין די גאַסן; אָט וועט איר זען, פֿאַרשרײַבט מײַנע ווערטער!

פּלוצלינג הערן מיר אַ רעש, אַ געשריי פֿון דרויסן. דער אַלטער לייגט אַוועק די אַרבעט און מיר לויפֿן אַרויס ביידע אויף דער גאַס זען וואָס טוט זיך דאָרטן.

ז

דאָס וואָס מיר האָבן דערזען אין דרויסן לאָזט זיך ניט באַשרײַבן. אין מיטן גאַס איז געשטאַנען אַן אַלטע פֿרוי מיט אַ פֿולן קאָשיק מיט בולקעס און אַרום און אַרום מענטשן האָבן זי באַפֿאַלן, רײַסן בײַ איר די בולקעס פֿונעם קאָשיק און זי לאָזט ניט, באָרעט זיך און שרײַט:

-- טשעפּעט זיך אָפּ! לאָזט מיך! ס׳איז ניט אויף צו פֿאַרקויפֿן! איך פֿאַרקויף ניט!

-- איר פֿאַרקויפֿט ניט? גיט אונדז אַזוי!

-- ניט פֿון אײַערט וועגן אָפּגעבאַקט! פֿון מײַנע קינדערס וועגן! לאָזט מיך! ראַטעוועט! קאַראַול!

נאָר דער עולם הערט זי ווי המן דעם גראַגער; אין עטלעכע מינוט האָט מען די בולקעס אירע צענומען, זי האָט מען רעכט אויסגעהרגעט. און די פֿרוי, נעבעך, אַ צעבלוטיקטע, וויינט און שעלט מיט טויטע קללות, לייענט די תּוכחה.

געפֿעלן אײַך די רויטע ייִדלעך, די שיינע לײַט, די אויפֿגעקומענע גבֿירים - - אײַערע? -- מאַכט צו מיר מאיר בעל מוח מיט אַ ביטער געלעכטערל - אַזעלכע שטילע מענטשלעך געווען תּמיד, און פּלוצלינג געוואָרן גזלנים! און איבער וואָס? איבער אַ בולקע, כאַ-כאַ-כאַ!

דער ווינט, וואָס האָט צעבלאָזן די באָרד זײַנע אַלע זײַטן, צעטראָגט דעם געלעכטער און פֿון אַלע גאַסן זעען מיר רויטע ייִדלעך לויפֿן אַלץ אין איין זײַט אַרײַן, צום מאַרק, צו די יאַטקעס.

וואָס איז? וווהין לויפֿט מען דאָס? -- כאַפּט מיר אָן איינעם פֿונעם - - מאַרק.

איר האָט גאָרניט געהערט -- מאַכט ער צו אונדז פֿאַרוווּנדערט -- - - סטײַטש, סע טוט זיך חושך, אַ געשלעג, אַ הריגה בײַ די יאַטקעס!

אַ געשלעג? אַ הריגה? איבער וואָס? - -

איבער פֿלייש. - -

איבער פֿלייש? - -

איבער פֿלייש. מען איז זיך צונויפֿגעקומען נאָך פֿלייש. האָבן די קצבֿים - - ניט געוואָלט עפֿענען די יאַטקעס, האָט איינער אַ בעל-הבית אויפֿגעשלאָגן דעם שלאָס און געוואָלט אַליין נעמען פֿלייש, האָט אים דער קצבֿ געגעבן מיט אַ האַק איבערן קאָפּ, איז ער, זאָגט מען, געפֿאַלן טויט. האָבן זיך אָנגענומען פֿאַר אים די איבעריקע בעלי-בתּים און גענומען שלאָגן דעם קצבֿ. האָבן זיך אַרויסגעשטעלט די איבעריקע קצבֿים -- איז געוואָרן אַ געשלעג, אַ הריגה,

זאָל גאָט שומר-ומציל זײַן! מע זאָגט העכער צוויי מנינים מענטשן זענען געהרגעט אויף טויט.

נו ווער איז געווען גערעכט? וואָס האָב איך אײַך געזאָגט? -- מאַכט צו - - מיר רב מאיר בעל-מוח און מיר הייבן אָן גיין גיכער, און דער געפּילדער מיטן געשריי ווערט אַלע מאָל שטאַרקער און שרעקלעכער. און איך הער אַזעלכע קולות, וואָס כ'האָב נאָך קיין מאָל נישט געהערט; און איך דערזע אַזעלכע סצענעס, וואָס איך האָב קיינמאָל ניט געזען. דער מאַרק איז פֿאַרפּלייצט מיט רויטע ייִדלעך. אויף דער ערד ליגן אַ סך הרוגים, קאַטשען זיך אין בלוט. צווישן זיי מײַנע גוטע באַקאַנטע. דאָרט ליגט איינער אַ יונגער-מאַן אין אַ שיינער קאַפּאָטע מיט אַ בלייך פּנים, איך וואָלט געמעגט שווערן, אַז ס'איז שמעון אלי דער שוחט. אַ ביסל ווײַטער יענער גראָבער מיטן בײַכל, וואָס בײַם לעבן האָט ער דאָס געהאַלטן שטענדיק אונטערגעבונדן מיט אַ גאַרטל און נאָך אַ סך באַקאַנטע פּאַרשוינען. אייניקע זענען שוין אין גאַנצן טויט און אייניקע זשיפּען נאָך, און בלוט, בלוט אַרום און אַרום! דער אַלטער מײַנער שטורכעט מיך מיטן עלבויגן איך זאָל קוקן אַהינצו, ווײַטער, זען וואָס דאָרטן טוט זיך; ער רעדט עפּעס צו מיר, נאָר איך הער נישט וואָס; ער ווײַזט מיר עפּעס און איך ווייס נישט וואָס; איך זע נאָר זײַן ווײַסע באָרד, ווי זי שאָקלט זיך און דער ווינט צעבלאָזט אירע לאַנגע גרויע האָר. פֿונעם ריח פֿון בלוט -- מענטשן בלוט -- ווערט מיר נישט גוט אויף צו חלשן, דאָס האַרץ אָט אָט שפּרינגט דאָס מיר אַרויס; די פֿיס ווערן אונטערגעהאַקט, אָט אָט פֿאַל איך אום.

- - - - - - - - - - - - - - - - -

ח

אַז איך האָב מיך אויפֿגעכאַפּט, בין איך געלעגן אויף אַ בעטל און דאַכט זיך ניט בײַ זיך אין דער היים. עפּעס נישט קיין קענטלעך אָרט און נישט קיין קענטלעכע פּאַרשוינען דרייען זיך אַרום; אַלע גייען אָנגעטאָן אין ווײַסן, ווי אין תּכריכים, מיט ווײַסע ספּאָדיקעס אויף די קעפּ. מתים! -- פֿליט מיר דורך אַ מחשבֿה אין קאָפּ און איך וויל זייער וויסן, וווּ בין איך אין דער וועלט? צי איך לעב צי איך בין געשטאָרבן? איך הייב אויף דעם קאָפּ, קוק מיך אַרום אויף אַלע זײַטן, איך טאַפּ מיך בײַ מײַן לײַב -- איך האָב נאָך אַלע חושים, אַ סימן אַז איך בין ניט געשטאָרבן. איך לעב, און אַ מאָדנע וואַרעמקייט פֿיל איך צעגיסן זיך איבער מײַן גאַנצן 'איך'. נאָר וווּ בין איך

און ווי קום איך אַהער און וואָס איז מיט מיר -- דאָס קאָן איך ניט פֿאַרשטיין בשום אופֿן. איינער פֿון די פּאַרשוינען, אָנגעטאָן אין ווײַסן מיט אַ ווײַסן ספּאָדיק, דערזעט אַז איך ריר זיך, גייט ער צו מיר און בייגט זיך אָן איבער מײַן געלעגער.

ווּו בין איך? -- פֿרעג איך אים. - -

ששש ... -- מאַכט ער צו מיר -- דער דאָקטער הייסט ניט רעדן. - -

ווער זענט איר? -- פֿרעג איך אים ווײַטער. - -

ששש -- איך בין אַ פֿעלדשער. דער דאָקטער האָט געזאָגט, איר זאָלט ליגן רויִק, ניט רעדן אַ וואָרט.

ער גייט אַוועק און לאָזט מיך איבער אַליין. איך ברעך מיר דעם מוח, איך וויל מיך דערמאָנען ווי אַרום איך קום אַהער? וואָס איז געווען פֿריִער מיט מיר? -- און איך קאָן בשום אופֿן נישט דערמאָנען זיך. איך קאָן זיך אפֿילו נישט דערמאָנען ווער בין איך. איך האָב דאָס לחלוטין פֿאַרגעסן! --
פֿאַרגעסן ווער איך בין און וואָס איך בין און ווי אַזוי מען רופֿט מיך, איך פֿיל מיך עפּעס ווי נײַ געבאָרן. אָט אַזוי באַדאַרף זיך פֿילן אַ קינד בשעת עס ווערט געבאָרן אויף דער וועלט. עס גייען צו צו מיר אַלע מאָל נײַע פּאַרשוינען, בייגן זיך אָן איבער מיר, האַלטן מיך בײַם דופֿק, קוקן מיר אין די אויגן אַרײַן.
מען גיסט מיר אַלע מאָל מיט אַ לעפֿל אין מויל אַרײַן עפּעס פּריקרע זיסע און ביטערע זאַכן. ביסלעכווײַז פֿיל איך, ווי עס קומען מיר צו אַלע מאָל פֿרישע כּוחות און די קאָפּ ווערט מיר וואָס ווײַטער לויטערער און לויטערער, איך הייב מיך אָן ביסלעכווײַז דערמאָנען ווער איך בין און פֿון וואַנען, און ווי אַזוי איך הייס, און איך הייב אָן צו פֿאַרשטיין, אַז איך בין ניט אין דער היים, אַז איך בין ערגעץ אין דער פֿרעמד, אַ פּנים אין שפּיטאָל ... איך בעט מען זאָל מיר שיקן אַהערצו מײַן ווײַב, מײַנע קינדער. ענטפֿערט מען מיר, אַז ניין, מען טאָר נאָך נישט, דער דאָקטער הייסט נישט. עס גייען אַוועק אַזוי עטלעכע טעג מיט עטלעכע נעכט. איך האָב קוים געפּועלט בײַם דאָקטער, ער זאָל אויף מיר רחמנות האָבן, אַרײַנלאָזן אַהערצו כאָטש אויף צוויי מינוט מײַן ווײַב מיט מײַנע קינדער. קוים געפּועלט בײַ אים, נאָר מיט אַ תּנאַי איך זאָל מיט איר פֿון קיין שום זאַך ניט רעדן. מײַן ווײַב קומט אַרײַן צו מיר מיט

טרערן אין די אויגן. איך וויל מיט איר אָנהייבן רעדן, אויספֿרעגן, וואָס הערט זיך אין שטאָט און אויף דער וועלט, ווּ האַלט דאָס איצט ׳נאָך דער חלוקה׳? לאָזט מען מיך נישט רעדן. דער דאָקטער, זאָגט זיי, האָט אָנגעזאָגט, אַז ׳דערפֿון׳ זאָל מען מיט מיר ניט רעדן און איך זאָל ׳דערפֿון׳ גאָר אפֿילו נישט קלערן. נאָר ווי קאָן איך ׳דערפֿון׳ ניט קלערן, אַז נאָר ׳דאָס׳ פּיקט מיר אין קאָפּ אַרײַן און נאָר וועגן ׳דעם׳ זענען פֿול מײַנע מחשבֿות? ... מײַן ווײַב און מײַנע קינדער קומען שוין איצט צו מיר אַלע טאָג! באַקאַנטע לאָזט מען שוין צו מיר צו, וואָרעם איך קאָן שוין זיצן, שטייען און אַ ביסל אַרומגיין איבערן שטוב. איך קאָן שוין רעדן און מעג שוין רעדן פֿון וואָס איך וויל, נאָר נישט ׳דערפֿון׳! דאָס האָט דער דאָקטער אָנגעזאָגט טויזנט מאָל: הזהיר והשמר -- איך זאָל נישט דערוועגן רעדן ׳דערפֿון׳ אַ וואָרט!

דאַנקען גאָט -- מען האָט מיך שוין פֿונעם שפּיטאָל אויסגעשריבן און איך בין שוין אין דער היים. איך האָב געטראָפֿן אַלצדינג אויף דעם אייגענעם אָרט ווי געווען. אויך די מענטשן די אייגענע וואָס פֿריִער. אפֿילו די דינסטמויד די אייגענע ווי דעמאָלט.

דו האָסט זי צוגענומען צוריק? -- זאָג איך צו מײַן ווײַב. - -

ווען? - -

די מויד. דו האָסט דאָך זי דעמאָלט אָפּגעשאַפֿט. - -

מײַן ווײַב קוקט אויף מיר שטאַרק פֿאַרווּנדערט, נאָר איך בין מער פֿאַרווּנדערט פֿון איר ...

פּלוצלינג עפֿנט זיך די טיר און עס קומט אַרײַן נחמיה דער הינקעדיקער פּאַפּיראָסניק.

אפֿשר דאַרפֿט איר פּאַפּיראָסן? האָב איך פֿאַר אײַך אויסגעצייכנטע - - פּאַפּיראָסן! וואָלוול!

ביסט שוין ווידער אַ פּאַפּיראָסניק? -- זאָג איך צו אים און איך בין זיך - - מודה, אַז איך בין פֿון דעם שטאַרק צופֿרידן. נאָר נחמיה קאָן מיר דערויף

נישט ענטפֿערן, ווײַל מײַן ווײַב טרײַבט אים דורך מיט די פּאַפּיראָסן, און איידער איך קוק מיך אַרום, קומט אַרײַן נחמן בער דער וואַסער-פֿירער און בעט מען זאָל אים געבן אויף יענעם חודש כאָטש אַ האַלבן קאַרב.

וואָס איז דאָס? -- זאָג איך צו אים און בין זיך פּשוט מחיה -- ווי קומט איר בעטן אַ האַלבן קאַרבן? ווו איז אײַער...

נישט צוליב מיר, צוליב דעם פֿערדל -- פֿערענטפֿערט ער זיך פֿאַר מיר -- - -
איך דאַרף קויפֿן היי דעם פֿערדל, האָבער בין איך אײַך מוחל!

מײַן ווײַב גיט אים אין דער גיך דאָס האַלבע קערבל און שטופּט אים אַרויס, ער זאָל מיט מיר קיין סך ניט רעדן.

אין דעם קומט אַרײַן די מויד און פֿרעגט, צי קאָן אַרײַנגיין אליק דער שנײַדער? און תּיכּף נאָך איר קומט אַרײַן אליק אַליין מיט די קאַסאָקע אויגן.

ברוך הבא רב אליק -- רוף איך מיך אָן צו אים -- וואָס וועט איר זאָגן " - -
גוטס?

איך האָב געוואָלט -- זאָגט פֿאַר אים מײַן ווײַב -- ער זאָל דיר - -
אַראָפּנעמען אַ מאָס אויף אַ כאַלאַט.

און אליק דער שנײַדער כאַפּט אַראָפּ פֿונעם האַלדזן די לאַנגע מאָס און מעסט מיר פֿון אַלע זײַטן. איך וויל אים אַ פֿרעג טאָן: וואָס הערט זיך מיט די פּופּציק טויזנט, מיט די נ' אלף רו״כּ? נאָר פֿון דער אויסגעריבענער קאַפּאָטע און פֿונעם בלאַסן פּנים זײַנעם פֿאַרשטיי איך, אַז ער איז ווײַט פֿון נ' אלף רו״כּ...

אַצינד - זאָגט מײַן ווײַב - וואָלט מען נאָך באַדאַרפֿן שיקן צו כלאַוונע - -
דעם שוסטער, ער זאָל דיר אויפֿנייען אַ פּאָר שטעקשיך.

כלאַוונע איז נאָך אַ שוסטער? -- כאַפּט זיך אַרויס בײַ מיר פֿונעם מויל. - -

וואָס דען איז ער? אַ גובערנאַטאָר? -- מאַכט אליק דער שנײַדער און - -
קוקט מיט די קאַסאָקע אויגן אויף דער סטעליע און מיינט ער מיך. איך רײַס מיך אין דרויסן אַרויס, איך וויל זיך זען מיט מײַן אַלטעטשקען, מיט מאיר בעל-מוח; נאָר ער, נאָר בעל-מוח קאָן מיר געבן צו פֿאַרשטיין, מיר קלאָר מאַכן וואָס טוט זיך ... מען לאָזט מיך אָבער נישט אַרויס פֿון שטוב אַ צײַט, אַ צײַט. און אַז דער דאָקטער איז געקומען, מיך רעכט באַטראַכט, אַז איך קאָן שוין גיין, האָט ער מיר אַרײַנגעזעצט אַ נײַע נשמה, איך האָב גענומען דאָס שטעקל און האָב זיך געלאָזט גיין.

וווּהין זשע וועסטו גיין? -- פֿרעגט מיך מײַן ווײַב. - -

איך רעכן זיך דורכגיין צו מאירן. - -

צו וואָסער מאירן? - -

צו מאיר בעל-מוח. - -

אַהאַ! זאָל ער זײַן ווײַט אָפּגעשיידט. ער איז שוין לאַנג אויף דער - -
אמתער וועלט.

און ווי מײַן ווײַב האָט מיר אָנגעזאָגט די דאָזיקע בשׂורה, אַזוי האָט זיך מיר אָפּגעריסן אין האַרצן און איך בין צוגעפֿאַלן מיטן פּנים צום טיש און האָב מיך צעוויינט ווי אַ קליין קינד.

ווער וועט אַצינד מיר אויפֿדעקן דעם פֿאָרהאַנג? ווער וועט מיר אַראָפּנעמען די מאַסקע. ווער וועט מיר עפֿענען די אויגן?

נאָר ער איינער האָט געוווּסט דאָס וואָס איך ווייס, און ער איינער איז געשטאָרבן, מיטגענומען דעם דאָזיקן סוד מיט זיך אין קבֿר אַרײַן!...

* * * * *

גלאָסאַר (שלום לוריא)

אַרשין ׳אַ רוסישע מאָס פֿון לענג, = 28״׳

בטלען חלומות ׳אויסטײַטשן אַ חלום צום גוטן ; רעדן נאַרישקייטן׳

גריוונע ]זע _גריווניע_ ׳רוסישע מטבעה פֿון 10 קאָפּעקעס[

מאַיאָנטעק : פֿון פּויליש ; האָב-און-גוטס

נאַפּשיקלאַד : פֿון פּויליש ; געמיינט ׳למשל׳

פּאָטעפֿאַלנאָסט : אומזיסט געזוכט און געגישטערט אין די רוסישע און אוקראַיִנישער ווערטערביקלהער. דאָס וואָרט ״פּאָטעפֿאַלנאָסט״ איז דאָרט ניט בענימצע. לויט סטוטשקאָווס _דער אוצר פֿון דער ייִדישער שפּראַך_ קומט אויס, אַז עס ווערט געמיינט ׳אומיושר׳, ׳שיפֿלעס׳, דורכפֿאַל׳, אָדער גאָר ׳אַ מיאוסע מעשׂה׳.

פּוטיקע, אַ ׳= אַ היפּאָטעק׳

רו״ק ׳רובל כסף׳

יומא-דפּגרא ׳פֿרײַער טאָג׳